בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת לך לך

# די מענטשליכע גליסטעניש צו פאבריצירן

### פרנס השבוע

לע"נ

ר' פנחס בן ר' יעקב ע"ה

ר' ישכר דוב בן ר' יעקב נפתלי ע"ה

לרפואת שלימה

יהודא בן רחל בתושח"י

לע"נ

מרת רחל בת ר' שלמה ע"ה


צו מנדב זיין רופט:

347.451.0332

אימעילט: Director@torasavigdor.org




לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה,**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org



Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת לך לך

שנה ד׳

# די מענטשליכע גליסטעניש צו פאבריצירן

## תוכן:

חלק א׳. א תיקון אויף למעשה – חלק ב׳. א בונד צו מתקן זיין – חלק ג׳. מחשבות פאר תיקון המעשים

# חלק א׳. א תיקון אויף למעשה

### פארדרייט די יוצרות

דער הייליגער **חובות הלבבות** (שער הבחינה ד׳) ברענגט אז די מענטשהייט איז באשאפען געווארן מיט צוויי קאטעגאריעס פון אינסטינקטן. דאס ערשטע, איז אונז זייער באקאנט, די אינסטינקטן וואס ערמעגליכן אונז צו עקזיסטירן פיזיש; דער אינסטינקט צו עסן, שלאפן, ניסן, שלינגען וכד׳. א קליין בעיבי, ווי נאר עס ווערט געבוירן, האט שוין די אינסטיקנט פון נוקען און שלינגען; מען דארף אים נישט לערנען די מעטאדן ווייל השי״ת האט אים שוין געגעבן די מיטלען צו עקזיסטירן. אזוי זענען פארהאן אן א שיער אינסטינקטן, נאטירליכע מיטלען, וואס ערמעגליכן אונז צו עקזיסטירן אין דעם עולם הזה.

אבער ס׳איז פארהאן א צווייטע סארט אינסטינקט וואס איז ווייניגער באוואוסט - מען גיבט ווייניגער אויפמערקזאמקייט צו דעם - און דאס זענען די אינסטינקטן וואס זענען הויפזעגליך געמאכט געווארן פארן ציל פון עולם הבא. א מענטש איז נישט געבוירן געווארן בלויז צו עקזיסטירן פיזיש; ער איז נישט געבוירן געווארן בלויז צו לעבן אין עולם הזה, דעריבער זענען פארהאן געוויסע אינסטינקטן וואס דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אין מענטש, פארן ציל אים צו ערמוטיגן און שטופן פאראויס צו שטייגן און דערגרייכן דאס וואס איז אים דאס מערסטע וויכטיג - זיך צו אויסארבעטן פאר ער קומט ארויף אויף יענע וועלט.

אבער וואס פאסירט צו פיל פון אונז? אנשטאט צו פארשטיין דער אמת׳ער ציל פון די אינסטינקטן, פירן מיר דאס אראפ פון די ריכטיגע רעלסן און פארדרייען עס פון ריכטיגן ציל. אנשטאט צו גיין פאראויס, אויף די שינעס וואס פירן צו דערגרייכונגען, נעמען מיר די אינסטינקן צו אנדערע ריכטונגען, און למעשה דערגרייכן מיר בלויז קליינליכע זאכן; מיטנדערוויכטיגע דערגרייכונגען.

### דער עושר מיטן האמער

צומאל קענסטו טרעפן א הויכגעשעצטער פערזאן, א מענטש וואס פירט גרויסארטיגע פראיעקטן אין דער ביזנעס וועלט, וועט אהיימקומען נאך א טאג ארבעט און אראפגיין אין בעיסמענט. און וואס

טוט ער דארט אזוי וויכטיג? ער נעמט ארויס זיין געצייג האלטער און ווערט פארטון מיט ארבעט. ער פארברענגט לאנגע שעות צו זעגן, האקן האלץ, זיך פארען מיט די 'סענד' פאפיר, פארבן און אפגלאנצן, ביז טיף אין דער נאכט אריין.

און זיין בני בית וואונדערט זיך, 'מיט וואס איז ער אזוי פארנומען דארט א גאנצע נאכט?!' אינדערפרי ווען זי שטייט אויף, גייט זי אראפ אין בעיסמענט צו זען מיט וואס איר הויכגעשעצטער מאן האט אזוי שווער געארבעט, און זי אנדעקט א קליינע ספרים שאפע...

זי איז זייער פארוואונדערט. קען זיין אז ס'איז טאקע זייער שיין, אבער אזא ספרים שאפע האט ער געקענט קויפן פאר אפאר דאלער, און ער וואלט זיך דאס גאנץ גרינג געקענט ערלויבן; און פארט, דער פארנומענער מענטש, דער רייכער ביזנעסמאן, האט אוועקגעגעבן שעות פון זיין טייערע צייט, צו ערצייגן עפעס א ביליגע, קליינע האנט-ארבעט!

## בעסער ווי די בעקעריי

דער אמת איז אז זיין ווייב טוט דאס זעלבע. זי איז די רייכע עקרת הבית; זי האט גענוג געלט צו קענען באזוכן ביי די בעסטע בעקערייען אין שטאט - זי קען זיך ערלויבן צו קויפן די טייערסטע געבעקסן.

און פארט, וואס טוט זי? זי האט א דראנג צו אפירזוכן נייע רעצעפטן צו אויספרובירן אין איר קיך. וואס איז דאס וואס ציט איר אזוי צו באקן אירע אייגענע געבעקסן? וועלכע דראנג האט געטריבן איר מאן צו ערצייגן דעם ספרים שאפע? זיי האבן גענוג געלט צו קויפן אלעס וואס זיי ברויכן, אן צו דארפן איינטונקן די הענט אין קאלט וואסער.

דער ענטפער איז אז זיי רעאגירן צו די אינעווייניגסטע דראנג, וואס דער אויבערשטער האט איינגעפלאנצט אין די מענטשהייט, צו וועלן ערצייגן זאכן. זיי ווילן זיין ערפינדערס; זיי ווילן ארבעטן אויף עפעס וואס זיי וועלן קענען אנצייגן אז דאס איז אייגנ'ס. דאס האט דער אויבערשטער אזוי אריינגעלייגט אין מענטש, אז מען זאל האבן א גלוסטעניש צו ערצייגן זאכן וואס זאלן אונז צוניץ קומען אויף יענע וועלט. נאר מיר באגרייפן נישט דער תכלית פון דעם גלוסטעניש, דעריבער זענען מיר פארנומען צו צאמקלאפן העלצער אדער זיך ארומשפילן אין קיך.

## פון בראשית אן

ביים אנהייב אין דער תורה, לייענען מיר ווער ס'איז דער גורם צו דעם גלוסטעניש. דו וועסט נישט גלייבן ווער דאס איז. ווער איז די דוגמא וועמען מיר זוכן נאכצומאכן? "**בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים** - אין אנהייב האט דער באשעפער באשאפן." השי"ת איז געווען דער ערשטער וואס האט באשאפן די וועלט.

וועסטו פרעגן, "וואס האט דאס צו מיר?" דער ענטפער איז, "**וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים**, דער באשעפער האט אריינגעבלאזן אינעם מענטש א גייסט פון לעבן, **וּמַאן דְּנָפַח מִדִּילֵהּ נָפַח**, און דער וואס האט געבלאזן, פון זיך האט ער געבלאזן." דער אויבערשטער האט אריינגעבלאזן אינעם מענטש א געבערויך צו ווילן ערצייגן זאכן. און אויב דו ווילסט פארשטארקן די סברא, קוק אריין אין חומש - וואו טרעפסטו אז דער באשעפער האט אונז געמאכט פאר ערפינדערס? וועסט באמערקן אז ביים סוף פון וועלט באשאף שטייט אין פסוק: "**כִּי בוֹ שָׁבַת**, אין דעם טאג ווען ה' האט אויפגעהערט באשאפן, **מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת**, האט ער גערוט פון אלע ווערק וואס ער האט

באשאפן צו טון (בראשית ב, ג).״ וואס מיינט, ׳וואס ער האט באשאפן צו טון׳? מיר ווייסן אז ס׳איז נישטא קיין איין איבעריגע ווארט אין דער תורה, אבער דא קוקט אויס כאילו, ווי ׳לעשות - צו טון׳, איז אן איבעריגע ווארט ביים סוף פון פסוק. עס וואלט געקענט שטיין, ׳ער האט באשאפן׳; און פארטיג! וואס מיינט, ׳באשאפן צו טון׳?

## אדם נעמט איבער

ס׳דא א ירושלמי אויף דעם פסוק וואס געבט אונז א משל: ״מָשָׁל לְאוּמָן״, ס׳ווערט צוגעגליכן צו א פאכמאן וואס זיצט א גאצן טאג אין זיין געוועלב און שטעלט צאם זאכן. ער נעמט שטיקלעך האלץ און מאכט דערפון כל מיני נוצליכע געצייג.

און דארט אין זייט דרייט זיך זיין קליין קינד אונטער די פיס. ער שלעפט די ארבעט׳ס געצייגט, האקט און זעצט, ער וויל נאר נאכמאכן זיין טאטן. אבער דער טאטע לאזט אים נישט, ״ניין, דאס איז א סכנה פאר דיר.״ עס פעלט אים נישט אויס אז דאס קינד זאל אים חרוב מאכן זיינע זאכן. און ענדליך, דער קינד איז שוין אויפגעוואקסן; ער איז שוין רייף פאר די ארבעט. דעמאלס זאגט דער טאטע צו אים, ״קינד מיינס, ס׳איז געקומען די צייט אז דו זאלסט איבערנעמען די ארבעט. דא האסטו די געצייג, הייב אן צו ארבעטן.״ דאס איז וואס דער ירושלמי ברענגט.

עס מיינט אז ווען אדם איז באשאפן געווארן, און דער מענטש איז ערשינען אויפ׳ן סצענע, האט דער באשעפער געזאגט, יעצט נעם דו איבער״ די מדרש (רבה יא׳ ו׳) זאגט אז דאס איז די באדייט פון לעשות, ה׳ האט באשאפען די מענטש צו טוהן. די אינסטינקט, די תשוקה צו באשאפען, וואס דער באשעפער האט ארײנעלייגט און דעם מענטש, איז ווי ער וואלט געזאגט דו נעם איבער.

## א תיקון

יעצט אז מיר ווייסן שוין איבער וואס מען רעדט דא, לאמיר גלייך געבן א נאמען פאר דער גלוסטעניש וואס טרייבט אונז כסדר צו טון זאכן; אין די ספרים הייסט דאס, ׳תיקון׳ - דאס איז דער נאמען פאר דער אינסטינקט וואס טרייבט אונז פאראויס צו ערצייגן און דערגרייכן. דאס איז כדי צו מתקן זיין עולם במלכות ש-ד-י. אין קבלה טרעפן מיר זיך זייער אפט מיט די ווארט ׳תיקון׳. דורך אונזערע געדאנקן, ווערטער און מעשים, קומען פאר געוואלדיגע תיקונים אויף דער וועלט. אפשר וועלן מיר מער ארומרעדן איבער דעם ענין ביי אן אנדערע געלעגענהייט, אבער יעצט וועלן מיר זיך קאנצענטרירן אויף דער פשוט׳ער פשט פון תיקון, זאכן וואס מיר באגעגענען כסדר. א מענטש האט א געברויך צו ערצייגן און פארעכטן די וועלט.

זעלבספארשטענדליך אז מען דארף וויסן ווי צו פארעכטן די וועלט. מיר וועלן רעדן איבער דעם שפעטער, אבער איך וועל עס גלייך זאגן אויב איינער דא איז לאנגווייליג - ער מיינט אז ער פארשטייט שוין דעם גאנצן נושא; ער איז שוין גרייט אהיימצוגיין. ס׳איז זייער וויכטיג צו וויסן ווי אזוי צו פאררעכטן די וועלט! מען דארף גוט לערנען וואס דאס איז תיקון, וואס דער אויבערשטער פארלאנגט פון אונז צו ערצייגן.

דאס וויכטיגסטע זאך וואס דו קענסט ערצייגן, און טאקע, דאס פארלאנגט זיך דאס מערסטע אויפמערקזאמקייט ווען עס קומט צו תיקונים, איז דו אליין! דאס איז די ריכטיגע סיבה אויף וואס דער אויבערשטער האט ארײנגעלייגט די אינסטינקט אין דעם מענטשהייט; אז דו זאלסט מאכן א לייט פון דיר...

דעריבער לייגט דער מדרש צו א וויכטיגע נקודה, "**אֲפִילוּ הָאָדָם צָרִיךְ תִּקּוּן**, אפילו דער מענטש דארף א תיקון, וואס מיינט אז העכער אלע פארבעסערונגען, **אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת**, וואס דער באשעפער האט דיר באשאפן צו טון, פארגעס נישט דיר אליין צו פארעכטן!" אז נישט וועסטו זיך איינרעדן אז דו ביסט א טוער, א פראדוצירער און פאקטיש טוסטו גארנישט...

## דער תיקון עולם פראפעסאר

קענסט זען געווג מענטשן וואס מיינען אז זיי זענען מתקן עולם, אבער פאקטיש זענען זיי פארנומען צו חרוב מאכן די וועלט... קוק אריין אין די הויף פון ברוקלין קאלעדזש וועסטו באגעגענען געווג 'פארעכטערס', מענטשן וואס שרייען איבער תיקון עולם, צו מאכן די וועלט א בעסערע פלאץ, אבער זיי זענען א דורכפאל. פארוואס? ווייל זיי ווילן פארעכטן די גאנצע וועלט אויסער זיך אליין!

און אויך די וואס מיינען נישט צו פארעכטן די וועלט, ווערן פארשלעפט דורך דעם גלוסטעניש וואס טרייבט זיי. דערפאר וועלן מיר טרעפן דעם ביזנעסמאן אין זיין בעיסמענט, בויענדיג זיין ספרים שאפע. ריכטיג, ער האט פראדוצירט א זאך, אבער דאס איז נישט וואס ער האט ריכטיג געזוכט. ס'איז ווי א הונגעריגער וואס קייט פאפיר. אויף די מינוט רעדט ער זיך איין אז זיין הונגער ווערט געשטילט אבער נאך אפאר מינוט וועט ער געוואר ווערן אז ער איז נאכאלץ הונגעריג. און זיין ווייב, נאכן פאטשקען אין קאך און עסן די געשמאקע קעיק, וועט נאך בלייבן הונגעריג. ווייל די אינסטינקט האט דער אויבערשטער איינגעפלאנצט פאר גרעסערע זאכן ווי דעם.

## דער הויפט ציל

איך וויל נאר קלאר מאכן, אז איך זאג נישט אז ס'איז נישט ריכטיג צו בויען א ספרים שאפע אדער באקן א קעיק. אידישע מאמעס זענען אסאך אין קיך, צוזשטעלן געבעקסן און מאכלים פארן שטוב. ס'איז נישט אויסגעשלאסן אז די תשוקה צו מתקן זיין די וועלט, איז נאר באגרעניצט צו דער מענטש פאר זיך; דער אינסטינקט צו נעמען האלץ און ערצייגן א ספרים שאפע, אדער צו נעמען מעל און ערצייגן א קעיק, איז אויך א פונקציע פון די איינגעבוירענע מאטיוואציע. ס'איז טאקע נישט דער ציל אויף דער וועלט, אבער דאס איז א תוצאה פון דער אינסטינקט וואס השי"ת האט געהאט בכוונה. ער וויל אז זאכן זאלן ערצייגט ווערן פון האלץ. ער וויל אזביימער אין וואלד, זאלן ווערן איבערגעארבעט אויף נוצליכע זאכן, ווי האלץ פאר הייצונג אד"ג. דאס איז דער תכלית פון די וועלדער. דעריבער ווען א מענטש נעמט רויע מאטריאל און ערצייגט פון דעם פראדוקטן, איז עס זיכער א חלק פון זיין ארבעט אויף דער וועלט.

דערפאר, אויב דיין מאן וויל מאכן א ספרים שאפע צו קענען פלאצירן זיין נייעם ש"ס, איז עס א שיינע זאך. ער זאל טאקע קויפן א טייערע ש"ס און מאכן צו דעם א הערליכע ספרים שאפע. און זאלן די ספרים זיין שיין אויסגעלייגט איבער די פאליצעס, וואס ער האט געבויט מיט זיינע אייגענע הענט. דאס וועט צוגעבן אן אטמאספער פון תורה אין דיין שטוב. געוואלדיג!

און ווען די בני בית באקט חלות לכבוד שבת קודש, איז דאס א געוואלדיגע זאך; דאס מיינט אז זי ניצט אירע איינגעבוירענע כשרונות פארן ריכטיגן ציל. און שבת, ווען זי לייגט ארויס צום טיש די לחם הפנים, זאל די גאנצע משפחה באוואונדערן אירע גאלדענע חלות.

אבער מיר פארשטייען אז מיר זענען נישט באשאפן געווארן צו האקן האלץ און בויען ספרים

שאפעס; מיר זענען נישט באשאפן געווארן פארן ציל פון איבערדרייען מעל מיט צוקער צו פענסי געבעקסן און הויך-שטאקיגע קעיקס. ווייל נישט קיין חילוק וואס, דארפסטו וויסן וואס איז די וויכטיגסטע זאך וואס דו דארפסט ערצייגן: 'דו אליין'! דאס איז דיין ארבעט. ס'איז טאקע נישט דיין איינציגסטער ארבעט, אבער ס'איז א גרויסע חלק פון די ארבעט; אין פאקט איז דאס די וויכטיגסטע ארבעט!

## דיין באליבסטע קינד

קוק צוריק אין חומש, וואו די תורה דערציילט אונז איבער נח. שטייט דארט, "**אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק**, דאס זענען די קינדער פון נח, נח איז געווען א צדיק." דאס ווארט נח ווערט צוויי מאל איבערגע'חזר'ט. דעריבער זאגט אונז דער מדרש אז מען זאל ליינען דעם פסוק ווי פאלגנד, "**אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ, נֹחַ**". דאס מיינט, דאס ערשטע און בעסטע קינד פון נח איז געווען נח אליין... דאס איז די וויכטיגסטע זאך אויף דער וועלט, דיך אליין צו באשאפן; זיך צו פארערכטן.

איך וואונטש ענק דא אלע גוטע קינדער; אלע פון ענק זאלן האבן קינדער, תלמידי חכמים און צדיקים. געוואלדיג! אבער מאך זיכער אז די גרעסטע נחת וואס דו האסט אויף דער וועלט, איז פון דיר אליין. פארלאז דיך נישט בלויז אויף דיינע אייניקלעך, וואס וועלן זיין ערליכע אידן און דו וועסט שעפן נחת פון זיי; ווייל איין טאג ווען דו וועסט בטעות פארבייגיין א שפיגל, וועסטו זיכער וועלן שעפן נחת פון דער בילד וואס שטייט דיר אנטקעגן. מאך זיכער אז דיין גרעסטע נחת איז פון דיר אליין!

# חלק ב'. א בונד צו מתקן זיין

## דער בעסטער מעקאניקער

דאס ברענגט אונז צום מצוה פון ברית מילה, וואס ווערט געברענגט אין די וואכעדיגע סדרה. יעדער האט געלערנט אז השי"ת האט באפוילן פאר  אברהם אבינו צו ערפילן די מצוה פון ברית מילה. "**זֹאת בְּרִיתִי אֲשֶׁר תִּשְׁמְרוּ בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם וּבֵין זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ הִמּוֹל לָכֶם כָּל זָכָר** (בראשית יז, י), דאס איז מיין בונד וואס דו זאלסט היטן צווישן מיר און אייך און אייערע קינדער נאך אייך, יעדער זכר זאל זיך מל'ען." די מצוה פון ברית מילה, צו אראפנעמען עפעס איבעריג פון קערפער, איז א יוצא מן הכלל, ווייל מיר ווייסן קלאר אז קיין שום זאך אין אונזער קערפער איז נישט איבעריג.

מיר האבן שוין אמאל גערעדט דערפון, אז דו וועסט עפענען דעם צודעק פון א קאר און ארייננקוקן צום מאטאר, וועסטו נישט קלערן אז עס איז פארהאן דארט עפעס איבעריג. יעדע קלענסטע חלק איז וויכטיג. אפילו דער אומוואוסענדער מאן פון 'בעדפארד סטאיוועסענט', וואס פארעט זיך מיט זיין קאר, וועט נישט קלערן אויף א קליינע סקרול, אז ס'פעלט נישט אויס. ער ווייסט נישט קיין סאך, אבער מיט איין זאך איז ער קלאר, אז די מענטשן אין 'דיטראוט' זענען נישט משוגע. ער געבט די פראדוצירערס געווג אנערקענונג, אז זיי האבן זיכער נישט פארשוועדעט אין איבעריגע קליינע שרויף אדער 'ווייער'. ער איז הונדערט פראצענט זיכער אז זיי האבן נישט ארייגעשטעקט קיין איין איבעריגע שטיקל.

על אחת וכמה, קענען מיר גוט פארשטיין אז דער אויבערשטער האט אונז זיכער נישט באשאפן מיט עפעס אין אונזער קערפער, וואס איז נישט וויכטיג. דו קענסט גאנץ רואיג זיין, אז יעדע זאך אין אונזער קערפער איז דארט פאר א סיבה.

## גלייב נישט וואס זיי זאגן דיר

דערפאר לאכן מיר פון די טענה פון די נארישע עוואליציאניסטן און פון די צודרייטע פראפעסארן אין די אוניווערזיטעטן וואס טענה'ן אז פארשידענע זאכן, געוויסע ארגאנען אין מענטש זענען וועסטיגיאַל; דאס מיינט זיי זענען בטעות איבערגעבליבן פון זייערע באבע מעשיות ווען די מענטש האט זיך געטוישט פון א מאלפע צו א מענטש אדער פון א ראט צו א מענטש! אין די פראצעדור, זענען פארשידענע ארגאנען פארבליבן וואס וואלטען געדארפט ארויספאלן.

דו ווייסט, אמאליגע צייטן האבן די פראפעסארן פון סקולס געלערנט אז הונדערט פופציג איברים אין קערפער זענען איבעריג, מען דארף זיי בכלל נישט האבן. די 'טאנסילס'? ווער ברויך עס? דאס איז געווען א געוואלדיגע אויסטרעף אין דער וועלט! אזוי האבן זיי איבעראל אנגעהויבן צו אפערירן און ארויסנעמען די טאנסילס. די איינציגסטע אפעראציע וואס איך האב, ברוך ה', אמאל געהאט אין מיין לעבן, איז געווען די טאנסיל אפעראציע. און ביז צום היינטיגן טאג, קען איך נישט מוחל זיין די סייענטיסטן פאר זייער פאלטשע פראפעגאנדע.

היינטיגע צייטן ציען זיי שוין עטוואס צוריק - זיי דערגרייכן צום שטאפל פון דער מענטש אין 'בעדפארד סטאיוועסענט', וואס פארשטייט אז עס מוז זיין א סיבה פאר יעדע חלק אין זיין קאר - זיי האבן שוין יעצט ערפינדן אז די טאנסילס זענען ווירקליך יא א וויכטיגע איבר פון מענטש. ס'איז א חלק פון דער 'לימף' סיסטעם. אויב דו טאנסילס זענען געשוואלן, ווער נישט ברוגז אויף זיי און שנייד זיי ארויס, ניין! זיי טוען זייער ארבעט בנאמנות; זיי רייניגן דעם קערפער פון אינפעקציעס.

## פאלטשע נייעס

וועסטו טרעפן אין די העדליינס פון סיי וועלכע צייטונג, אז זיי זענען מודה אויף דעם וואס זיי האבן געשעדיגט מיליאנען מענטשן, דורך ארויסנעמען די טאנסילס? אויף די פאדערשטע זייט פון די סייענ"ס סעקשא"ן אין די נוי יארק טיימס, "מיר האבן געגרייזט! טאנסילס זענען נישט קיין איברים וואס זענען פערצופאל דארט אריינגעפאלן"... ניין, זיי טוען דאס נישט. ווען זיי האבן עפעס אן ערפינדונג וועלן זיי דאס צעשפרייטן איבער די בלעטער פון אלע צייטונגען, אבער ווען עס ווערט אויפגעדעקט אז דאס איז געווען א טעות, וועסטו נישט זען אין ערגעץ קיין ווארט איבער דעם.

דאס זעלבע מעשה איז מיט די 'אפענדיקס', דאס איז אויך געווען א קרבן צו די אפיקורסים. "ס'איז נאר געבליבן אין מענטש בטעות, און ביי די ערשטע געלעגענהייט זאלסטו מאכן זיכער צו פטור ווערן דערפון," האבן זיי געפרעדיגט. זיי האבן נישט געוואוסט אז די אפענדיקס איז זייער א וויכטיגע איבר פארן געזונט. פונקט ווי די טאנסילס, איז דאס א חלק פון די לימף סיסטעם וואס באשיצט דעם קערפער קעגן קרענק.

צוביסליך ווערן זיי געוואר די וויכטיגקייט פון יעדן איבר באזונדער. פארשטייט זיך אז זיי האבן נאכאלץ משוגענע טעאריעס איבער געוויסע ענינים, אבער צום סוף וועלן זיי אויך ביי דעם געוואר ווערן זייער גרייז, ווייל אין די בריאה איז יעדע זאך בשלימות. דער אויבערשטער האט באשאפן יעדע זאך מיט א פינקטליכקייט, אלעס פאר א צוועק. גארנישט אין אונזער קערפער איז איבעריג!

## דער מוסר השכל פון מילה

אבער פלוצלונג ווערן מיר געוואר אז ס'איז דא אן אויסנאם, "**וּנְמַלְתֶּם אֵת בְּשַׂר עָרְלַתְכֶם**, דו זאלסט מל'ן די פלייש פון דיין ערלה (בראשית יז, יא)". ס'קוקט אויס, כאילו, ווי די ערלה איז איבעריג.

דאס איז אומפארשטענדליך! אויב דער מענטש דארף זיין אן דעם, דאן פארוואס איז ער נישט באשאפן געווארן אן דעם? דער בורא עולם באשאפט זיכער נישט איברים נישט בשלימות; יעדע זאך איז פינקטליך אויסגערעכנט פאר דעם געברויך. דעריבער פרעגט זיך א שאלה, פארוואס אין דעם פאל האט דער אויבערשטער באשאפן דעם מענטש נישט בשלימות.

און דאס ברענגט אונז צוריק צום פסוק וואס מיר האבן געברענגט אין אנהייב שיעור: "**אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת**, השי"ת האט באשאפן דער מענטש זאל עס טון."

פון אלע זאכן וואס נעמען אריין דעם '**לעשות** - צו טון', איז די וויכטיגסטע זאך תיקון עצמו, זיך אליין צו מתקן זיין. אזוי ווי מיר האבן פריער דערמאנט, "**אפילו האדם צריך תיקון**" - דער מענטש דארף אויך ווערן פאררעכטן, און דער מענטש אויף ווען דו דארפסט זיך דאס מערסטע זארגן איז דו אליין.

אבער ווי אזוי קען זיך א מענטש כסדר דערמאנען דערפון? דעריבער, גלייך אין אנהייב פון זיין רייזע, ווען ער ווערט געבוירן, מאכט מען אים א צייכן אלס דערמאנונג, ער ווערט מתקן דורך דעם אות ברית . דאס אראפנעמען דעם ערלה, איז א צייכן פון דעם ברית - מיט דעם לאזט מען אים וויסן אז ער איז נאך ווייט פון שלימות; ער דארף נאך א תיקון. און פונקט ווי ער דארף א תיקון אין מילה, אזוי דארף ער א תיקון און אלע אנדערע ענינים. דאס איז וואס ברית מילה קומט אונז דא לערנען, אז דעם מענטשנ'ס ארבעט אין לעבן איז זיך צו פארעכטן. ס'איז ווי א משל: פונקט ווי ער דארף ווערן פארראכטן פיזיש, אזוי אויך דארף ער זיך פאררעכטן גייסטיש; אין דעת און אין מידות. דאס איז דער לימוד פון מילה.

מען רעדט דא צו אונז אלעמען! מיין נישט אז דאס איז נאר געזאגט געווארן פאר בעיבי אינגלעך. מיר מאכן א גאנצע עסק פון דעם מצוה, ווייל דאס איז אן ענין פאר אונז אלעמען; מענער פרויען, אינגלעך און מיידלעך צוגלייך. דער אות ברית, דער יסוד פון ברית מילה, קומט אונז דא עפעס לערנען; דאס איז א לימוד פאר גאנץ כלל ישראל, ווייל מען ערווארט פון אונז אלעמען זיך צו אויסארבעטן.

## דער וועג ווייזער

דאס איז א שווערע פאדערונג פון א מענטש; צו דערגרייכן שלימות, איז בכלל נישט אזא גרינגע ארבעט. מיר דארפן האבן א וועג-ווייזער פאר דעם געוואלדיגן תפקיד. אויב דו האלסט אינמיטן א נסיעה, קענסטו נישט דערגרייכן דיין ציל, אויב ווייסטו נישט צו וועלכע ריכטונג זיך צו קערן. ס'איז נישט גענוג זיך אריינצוזעצן אין קאר און ארויספארן פון שטאט. לאמיר זאגן אז דו פארסט ארויס פון ניו יארק, אבער דו ווייסט נישט צו וועלכע ריכטונג צו פארן, צפון אדער דרום. וואו גייסטו?! "**לֹא יָדַע לָלֶכֶת אֶל עִיר** (קהלת י, טו), ער ווייסט נישט אויף וועלכע וועג ער זאל גיין." אויב דו ווייסט נישט וועלכע שאסיי צו נעמען אויפן וועג צום שלימות, וועסטו בלאנזשען; וועסט זיך פלוצלונג אנטרעפן קעגן בלאקירטע שאסייען.

דעריבער, וועלן מיר זיך צוריקקערן צו די פסוקים פון די סדרה. אויב דו לייגסט צו קאפ צום בעל קורא ווען ער ליינט אין די תורה, וועסטו באמערקן אז די מצוה פון ברית מילה ווערט פארגעשטעלט אין חומש ווי פאלגנד: "השי"ת רעדט צו אברהם אבינו און זאגט צו אים: '**הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי**, גיי פאר מיר, **וֶהְיֵה תָמִים**, און זיי א תמים'."

## א מיספארשטענדעניש

ליידער איז דער באדייט פון ׳**תמים**׳ פארלוירן געגאנגען. געוויסע ווערטער אין לשון קודש ווערן נישט ריכטיג געטייטשט, ווייל זיי ווערן גענוצט אין די פאלק׳ס שפראך פון אידיש, אויף אן אופן וואס איז פארדרייט פון די כוונה. דערפאר ווערט ׳תמים׳ גענוצט דורך מענטשן אויף אן אופן וואס מיינט, ׳איינער וואס לאזט זיך פירן אדער א פשוט׳ער מענטש׳. זיי מיינען אז ס׳איז ווי דער ׳תם מה הוא אומר׳ אין דער הגדה של פסח; איינער וואס איז נישט צו קלוג.

אזוי ווערט דאס פארשטאנען, אבער דאס איז נישט א ריכטיגער פשט. לייג צו קאפ, ווייל ס׳איז וויכטיג צו וויסן דער אמת׳ער פשט פונעם פסוק. "**וֶהְיֵה תָמִים**" מיינט, "דו זאלסט זיך אויסארבעטן צו ווערן בשלימות". דאס איז א געבאט: זיי א מושלם! זוך שלימות! תיקון! פארבעסער, פארבעסער, פארבעסער!!

אלזא, ווען השי"ת האט געזאגט, "גיי פאר מיר און ווער בשלימות," האט ער געמיינט צו אנצייגן אברהם אבינו, ווי אזוי צו ערפילן דער יסוד פון ברית מילה, וואס ער האט אים באפוילן. "אברהם," האט השי"ת געזאגט, "דו ווייסט ווי אזוי צו ווערן בשלימות? עס זענען פארהאן א צאל וועגן, אבער איך וועל דיר זאגן די בעסטע וועג. גיי פאר מיר! חזר זיך איין אז דו גייסט שטענדיג אין מיין געגנווארג. וואו אימער דו זאלסט זיך נאר קערן - אז דו גייסט צווישן די פעלדער פאשען די שאף, אדער דו געפונסט זיך אין דיין געצעלט מיט שרה, וואס אימער דו זאלסט נאר נישט טון, זאלסטו שטענדיג זיין באוואוסטזיניג אז ס׳איז ׳**לפני**׳ - איך שטיי גלייך נעבן דיר. דאס איז דער וועג פון **וֶהְיֵה תָמִים** - דו וועסט ווערן בשלימות."

## שויתי ה׳ לנגדי תמיד

דערפאר וואס אונזערע אבות האבן געלעבט פאר שלימות, האבן זיי אזוי געפירט זייער לעבן. ס׳איז א געוואלדיגער תפקיד; ריזיג גרויס! ס׳איז א מלחמת היצר! ס׳איז זייער שווער כסדר צו טראכטן, אז דער אויבערשטער שטייט שטענדיג פאר דיר! אבער זיי האבן דאס געטון; זיי האבן דאס געמאכט פאר זייער ציל אין לעבן. זיי האבן שטענדיג געשטרעבט צו אנהאלטן די מחשבות. דער **רמב"ם** ברענגט אין **מורה נבוכים** (ג, נ"א) - מורה נבוכים איז נישט קיין דרוש ספר - אז די אבות האבן געוואוסט קלאר אז זיי שטייען לפני ה׳, פיר און צוואנציג שעה אין טאג! און דורכדעם זענען זיי געשטיגן צום שלימות.

יעצט וויל איך מיטטיילן מיט ענק א מאמר פונעם **מסילת ישרים** אויף דעם נושא. ער ברענגט אזוי: "**והנה באמת זהו המבחן...** באמת איז דאס דער נסיון מיט וואס די אבות זענען געווארן אויסגעפרואווט ". די גרויסקייט פון אברהם אבינו, יצחק און יעקב און זייער משפחות, ברענגט דער רמח"ל, איז נישט געווען אין די מעשים וואס זיי האבן פאקטיש געטון. אוודאי האבן זיי אויפגעטון געוואלדיגע זאכן. אברהם איז געגאנגען מקריב זיין זיין זון מיט מסירת נפש. ער האט זיך אראפגעבויגן צו באדינען זיינע געסט - דאס איז געוואלדיג. דאס אלעס ווערט פאררעכנט אלס געוואלדיגע דערגרייכונגען.

אבער דער מסילת ישרים לערנט אונז אז אויב מיר וועלן באטראכטן אונזערע אבות בלויז דורך זייערע מעשים, וועלן מיר אונטערשאצן זייער גרויסקייט. ווייל זייער גרויסקייט איז געווען אפהענגיג אין זייערע מחשבות, וואס זענען שטענדיג געווען איבער השי"ת. דאס איז דער נסיון, דער פרואוו צו אמת׳ע גרויסקייט.

## נאכמאכן די עבודה

דו ווייסט, ווען די דריי געסט זענען אנגעקומען צו אברהם, און ער האט געשאכטן אן אקס פאר יעדן פון זיי, איז דאס געווען א גרויסע זאך. אין יענע צייט איז נישט געווען קיין פריזשידערס, דאס מיינט אז א גאנצע אקס איז פארשווענדעט געווארן פאר דעם איין גאסט. כדי צו געבן פארן גאסט די דעליקאטעס פון א צינג, איז אסאך גוטע פלייש געגאנגען לאיבוד. צו מכבד זיין יעדע גאסט מיט א צינג, האט געמיינט אז מען האט געדארפט שעכטן דריי אקסן! צו אויפנעמען א גאסט מיט אזא גרוואלדיגע גאסטפריינטליכקייט איז א ביישפיל פאר אלע קומענדיגע דורות. דאס איז א ביישפיל פון גוטהארציגקייט און גאסטפריינטליכקייט.

אבער דאס איז נישט די גאנצע גרויסקייט פון די מעשה. דאס ריכטיגע גרויסקייט איז געווען ווען אברהם האט געשאכטן דעם אקס, ס'איז נישט געווען ווי מיר טוען דאס. מיר נעמען די בעסטע סאלאמיס און מיר סערווירן דאס פאר אונזערע געסט, זייער שיין. אבער ווען אברהם האט ארויסגעברענגט זיינע פליישן, איז ער געגאנגען פאר השי"ת! ס'איז געווען ווי דער כהן גדול אום יום כיפור, וואס האט געשאכטן דעם שור. פאקטיש, די עבודה וואס דער כהן גדול האט געטון אום יום כיפור איז געווען א דוגמה פון די קדושה און איבערגעגעבנקייט, וואס אברהם האט געשפירט, ווען ער האט געשאכטן דעם אקס פאר זיינע געסט. אברהם האט געדינט דעם באשעפער בשעת ער האט באדינט זיינע געסט. ער האט פאר קיין איין רגע נישט מסיח דעת געווען פון השי"ת.

דאס איז געווען די געוואלדיגע חשיבות פון אונזערע אבות. נישט נאר די מסירת נפש'דיגע מעשים, נאר אויך די פשוט'ע טאטן וואס מיר טוען אויך, האבן זיי געטון מיט די ריינע כוונה צו דינען השי"ת; זיי האבן שטענדיג געהאלטן פאר די אויגן אז זיי גייען, ארבעטן, רעדן, פאר השי"ת.

## באוואסטזינגקייט און מאטיוואציע

איינער וואס ווייסט שטענדיג אז ער שטייט קעגן השי"ת, וועט ער זיין זייער פארזיכטיג וואס ער טוט. ווען ער עפנט זיין מויל, איז ער פארזיכטיג מיט וואס עס וועט ארויסקומען פון דארט. להבדיל, אויב דו שטייסט קעגן דער מעיאר, ריכטיג, ער איז נישט דער גרעסטער מענטש אויף דער וועלט, אבער דאך, ווען דו עפענסט דיין מויל, וועסטו ציילן דיינע ווערטער. ווען א מענטש ווייסט אז ער שטייט קעגן השי"ת וועט דאס אים צוברענגען צו מתקן זיין זיין דיבור, און אויך אלע אנדערע ענינים.

און דאס צו דערגרייכן, דארף מען האבן דעם ריכטיגן השקפה; עס פאדערט א גרויסע מאס אנערקענונג אין השי"ת! אבער דאס ערווארט מען פון דאס פאלק וואס האט געמאכט דעם אות ברית קודש מיט הקדוש ברוך הוא. "הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי, גיי פאר מיר, וֶהְיֵה תָמִים און זיי א תמים".

# חלק ג'. מחשבות פאר תיקון המעשים

## די הויכע מדריגה פאר יעדן

איך פארשטיי אז דער ענין איז אזוי ווייט פאר געוויסע מענטשן, איבערהויפט איז דאס אזוי ווייל ווען ס'קומט צום אויספירן, ווערט דאס נישט געטון. אפילו די ערליכע צווישן אונז, וואס בדרך כלל

לעבן זיי לויט די פארשריפטן פון די תורה, זיי האבן גוטע געוואוינהייטן, אבער צו טראכטן פון באשעפער א גאנצן טאג, קוקט זיי אויס ווי עפעס א מידת חסידות, ס'איז עפעס א הויכע מדריגה וואס איז שייך נאר פאר צדיקים.

אבער דער אמת איז, אז דאס איז נישט סתם א סברא וואס איך האב זיך דא אויסגעטראכט; נאר ס'איז א פשוטער ציווי אין דער תורה, א פסוק אין חומש. "**הִשָּׁמֶר לְךָ**, זיי געווארנט, **פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ**, אויב דו וועסט פארגעסן פון ה' דיין גאט." דאס אלעס! דו קענסט זיך נישט דינגען מיט א בפירוש'ע פסוק: "זיי געווארנט! מאך זיכער אז דו טראכסט שטענדיג פון השי"ת!"

און איך וועל דיר ברענגען נאך א שטערקערע ראי'. דו ווייסט, "**הִשָּׁמֶר לְךָ**", איז א פסוק וואס דו וועסט אפשר נישט זאגן אפילו איין מאל אין דיין לעבן, אויסער אויב דו ביסט מעביר סדרה, אבער ס'איז דא אן אנדערע פסוק וואס דו זאגסט צוויי מאל אין טאג, קענסט זיך נישט ארויסדרייען דערפון - און דער פסוק באפעלט דיר צו שטענדיג טראכטן פון השי"ת.

## דער פליכט פון אהבת ה'

"**וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ**, דו זאלסט ליב האבן השי"ת מיט דיין גאנצן הארץ." האסט נישט געוואוסט וואס דער פסוק מיינט צו זאגן, הא? די צרה איז אז מענטשן שטעלן זיך נישט אפ פאר א רגע ארייגצוקלערן וואס דאס מיינט 'הארץ'. זיי מיינען אז 'הארץ' איז ווי מען זאגט אין ענגליש, "א גוטע הארץ". ניין, ניין; 'הארץ' אין תנ"ך מיינט 'מחשבה'. דאס איז וואס דער פסוק מיינט צו זאגן, גארנישט עפעס אנדערש.

זאלסט ליב האבן דעם באשעפער, נישט מיט א האלבע קאפ, נאר מיט אלע דיינע געדאנקן. אלע דיינע טראכטונגען זאלן זיין דירעקטירט צו אים. **וּבְכָל נַפְשְׁךָ**, מיינט אלע דיינע גלוסטונגען. **וּבְכָל נַפְשְׁךָ** מיינט, מיט דיין גאנצע וועזן. אבער לבבך, מיינט מחשבות. אלזא, האבן מיר דא אן אפענע באפעל אז אונזערע מחשבות זאלן זיין געוואנדן צו ליב האבן השי"ת; דאס מיינט אז דו טראכסט שטענדיג פון אים.

דאס איז וואס דער רמב"ם ברענגט איבער די מצוה: "**והוא שוגה בה תמיד, בין בשבתו בין בקומו בין בשעה שהוא אוכל ושותה.** ער קען נישט אפטון זיין געדאנק פון ה', סיי ווען ער זיצט אין שטוב, אדער ווען ער גייט אין גאס, ווען ער עסט אדער ער טרונקט, ער איז שטענדיג פארטון אין זיינע געדאנקן מחשבות פון באשעפער (הלכות תשובה י, ג)."

איז עס נישט א שאד, אז אזא וויכטיגער ענין ווערט אזוי ווייניג ארומגערעדט? ס'איז א חלק פון קריאת שמע! ווי קען איינער טראכטן, אז אזא מצוות עשה מן התורה, איז בלויז א מידת חסידות, עפעס מינדערוויכטיג. ס'איז קלאר ווי דער טאג, ס'איז א ציווי פאר אלע אידן. ס'איז א באפעל פאר אונז, פאר יעדע מענטש, מענער און פרויען צוגלייך, זאלן שטענדיג טראכטן פון השי"ת.

## גיין מיט אויבערשטן

דאס איז דער פשט פון, "**אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ** און **וַיִּתְהַלֵּךְ חֲנוֹךְ אֶת הָאֱלֹקִים**, די צדיקים זענען שטענדיג געגאנגען מיט השי"ת". ווי קענסטו גיין מיט השי"ת? גיין האנט ביי האנט, אראפ די גאס? יא, פונקט דאס! ער איז אין דיין קאפ. דו טראכסט פון אים כסדר. דאס איז דער ריכטיגער ציל וואס א מענטש האט אויף דער וועלט. אויב דו ווילסט ווערן א צדיק, איז דאס דער וועג; שטענדיג צו טראכטן פון באשעפער.

זעלבספארשטענדליך, אז דו מוזט וויסן פון וואס צו טראכטן. אויב דיין קאפ איז ליידיג ווענסטו נישט האבן א גרינגע פעלד - דו מוזט אנהייבן צו איינפלאנצן קערנדלעך דארט. דו דארפסט אנהייבן צו לערנען חובות הלבבות. דו דארפסט לערנען וואס דאס מיינט בטחון, וואס דאס מיינט צו זען די וואונדער פון השי"ת, וואס דאס מיינט צו שעצן אלעס וואס השי"ת טוט פאר דיר; די חסדים מיט וואס ער באגיסט דיר יעדן טאג. דו מוזט צוריקטראכטן פון די פילע ניסים וואס ער האט געטון פאר כלל ישראל אין דער פארגאנגענהייט, און וואס ער טוט פאר אונז היינט. דו מוזט טראכטן ווי ער פאלגט דיר נאך ביי יעדן ריר; ווי ער לייענט דיינע מחשבות.

איינמאל דו פלאנצט איין די קערנדלעך אין דיין קאפ, וועט אנהייבן צו וואקסן שיינע זאכן. אויב די טרענירסט זיך צו זיין א טראכטער - כ'מיין צו זאגן, טראכטן פון באשעפער - וועט דאס צוביסליך ארייננדרינגען אין אלע היניזיכטן פון דיין לעבן. ווען דו גייסט מיט השי"ת, איז יעדן טאג א תועלת; גארנישט איז נישט קיין הרגל. דאס לעבן איז נישט אומבאדייטנד.

## די וואונדערליכע קערל פון פערישקע

איך בין היינט געגאנגען אין גאס מיט א אינגערמאן און באמערקט א קערל פון א פערישקע אין די זייט.

"קוק דא! אזא נס!" האב איך זיך אנגערופן. אבער ער האט נישט פארשטאנען פון וואס איך רעד, "וואו? וואס איז דאס?"

איך האב אים געוויזן אויפן קערל, און ער האט מיר צוריקגעקוקט מיט ליידיגע בליקן. דאס מיינט אז ער האט נאך אסאך ארבעט צו טון...

וואס איז טאקע די גרויסקייט פון א קערל? קודם כל, ס'איז נישט פאראן קיין הארטערע זאך אין די פערישקע בוים, ווי די קערל. "ס'איז די הארסטע מאטריאל פון אלעס ארום," האב איך אים מסביר געווען, "און פארוואס איז עס טאקע אזוי?"

ער איז געווען א קלוגער בן תורה, ער האט גלייך פארשטאנען, "אפשר צו באשיצן די קליינע קערנדלעך אינעווייניג?"

יא, פונקט דאס! ס'איז א מערקווירדיגע ערשיינונג. ס'איז נישט ווי האלץ, נאר ס'איז מער ווי א שטארקע פלאסטיק, וואס באשיצט דעם צוקונפטיגע פערישקע בוים. אפילו חיות קענען נישט אריינבייסן אין א פערישקע קערל.

## אלעס פאר א ציל

איך האב אים געוויזן ווי די קערל איז צאמגעשטעלט פון צוויי האלבע רינדן, וואס פאָרן זיך מיט א פינקטליכקייט. אבער ווען דו ווענסט דאס ווענלן אפטיילן איינע פון צווייטן, ווענסטו אין רוב פעלער נישט מצליח זיין. די קלעפ איז אויסערגעוועינליך שטארק. ס'איז ווי א צעמענט, געמאכט מיט ספעציעלע באשטאנדטיילן וואס איז אויסטערליש שטארק. אבער ווען דו לייגסט אריין דאס קערל אין דער ערד וועט זיך עס עפענען פון זיך אליין! די קלעפ איז געמאכט פון באזונדערע מאטריאל, וואס ווערן צעגאנגען פון די באקטעריע און פאנגוס אין דער ערד.

דאס קערל פארמאגט אסאך מומחיות, אסאך כוונה. וועמענ'ס כוונות ליגן דערין? ווער האט אויסגערעכנט דער צוזאמענשטעל? דא קענסטו טרעפן א דערמאנונג פון השי"ת, "טראכט פון מיר!" גיי נאר נישט פארביי און איגנאריר דאס. אויב דו טרעפסט א קערל פון א פערישקע אויף דער

גאס אדער אין דיין קיך, שטעל זיך אפ דאס צו באטראכטן.

עפן דיינע אויגן און דו וועסט זען מעשי ידיו, די האנטארבעט פון השי"ת איבעראל. אין אלע עקן, וואו אימער א מענטש קערט זיך, קען ער זען די פארשטעלונגען פון השי"ת, די ניסים און נפלאות פון די נאטור. עפל און ברויט, ביימער און וואלקענעס, גראז און בלעטער! אלעס! זיי זענען געשטעלט געווארן צו אויפוואכן דיינע געדאנקען איבער דעם באשעפער. דאס איז דער ציל פון די בריאה; אז דו זאלסט שטענדיג דערמאנט ווערן פון דער וואס האט דאס אלעס באשאפן, אזוי וועסטו שטענדיג טראכטן פון השי"ת.

## נישט פאר פירסום

ווערסטו באקומען סמיכה פאר דעם? דו קענסט נישט אנגענומען ווערן אין א כולל בלויז מיט די אינפארמאציע. דו וועסט נישט באקומען קיין שום כבוד פאר דעם. אבער דאס מאכט נישט אויס! דער וואס ווייסט און פארשטייט אלעס, זעט אז דו האסט ריכטיגע געדאנקען, אז דו גייסט מיט אים. און דאס וואס ער זעט, דאס איז וואס מאכט אויס אויף דער וועלט.

וואס פארא תועלת האט א מענטש, אז ער שטייגט אין תורה און ווערט באוואוסט אפילו צווישען די פרומע - וואס אנדערע האלטן פון אונז גייט אונז בכלל נישט אן - אבער אפילו זיין דערהויבן צווישן אונזערע קרייזן, וואס וועט דאס אים צוגעבן, אויב ער איז נאכנישט געוואקסן אין אהבת ה', אויב ער טראכט זעלטן פון באשעפער?

דער אויבערשטער באגערט אין דעם מענטש, וואס איז גרייט צו גיין מיט אים! "**ה' מִשָּׁמַיִם הִשְׁקִיף**, דער באשעפער קוקט אראפ פון אויבן, **לִרְאוֹת**, צו זען, **הֲיֵשׁ מַשְׂכִּיל**, איז דא א קלוגער מענטש דארט אונטן, **דֹּרֵשׁ אֶת אֱלֹקִים**, איז פאראן דארטן איינער וואס טראכט פון מיר? (תהלים יד, ב)." ער זוכט איינער וואס איז וויליג צו ערפילן זיין ציל אין לעבן.

איז עס נישט א שאד? מיר לעבן אפ אונזער גאנצע לעבן אן צו באגרייפן אז **ה' מִשָּׁמַיִם הִשְׁקִיף**, השי"ת קוקט אראפ!

## ערנסטע וואכזאמקייט

ווילסטו דאס אויספרובירן? לאמיר זאגן אז דו האסט נישט וואס צו טון. דער אמת איז אז אפילו דו האסט יא וואס צו טון, קענסטו דאס נאך אלץ אויספרובירן. אויב דו ווילסט גוטע איבונגען צו שטארקן דיין מאסקלען פון מח, פראקטיציר אין דיין באוואוסטזיין, אז השי"ת קוקט שטענדיג אויף דיר. טראכט ביי דיר: 'השי"ת קוקט יעצט אויף מיר!'

ווען דו זיצט אויפן באס, ווען די גייסט אראפ די גאס, פראקטיציר דער געפיל אז השי"ת קוקט אויף דיר. ער קוקט דורך דעם פענסטער פון דיין שטוב. און דו ביסט נאכנישט פארטיג; לאז נישט נאך, ביז דו גייסט אריבער דער גאס.

און אויב דו ווילסט, קענסטו זיך פארשטעלן ווי ער קוקט אריין פון צווייטן פענסטער. ער קוקט פון אלע פענסטערס. ער קוקט דורך די שפאלטנס פון די ווענט. ער קוקט דורך די לעקטערס. ער קוקט שטענדיג אויף דיר. צוביסליך וועלן די מחשבות אריינדרינגען אין דיין ווען, אז השי"ת גייט שטענדיג מיט דיר. אוהא, איז דאס א דערגרייכונג! א גרויסע געווינס!

## פאר די וואס זענען אנטוישט

אלזא, צו די אלע וואס שפירן זיך אפגעפאטשט; דו שפירסט ווי דיין לעבן איז פארשוועדעט. דו האסט געחלומ'ט צו זיין א ראש ישיבה, וואלסט געוואלט אויפשטעלן גרויסע מוסדות התורה, וואלסט געקענט איבערגעבן שיעורים און פלפולים, מיט פילע תלמידים וואס הערן דיר אויס. קען זיין אז געוויסע האבן נאך דעם חלום; דו האסט פלענער ווי אזוי צו צושפרייטן אידישקייט. אבער ביז דערווייל ביסטו אנטוישט, ווייל דו שפירסט אז דו האסט פארלוירן די געלעגנהייט אין לעבן; דו האסט פארלוירן געלעגנהייטן צו אויפטון גרויסארטיגע זאכן.

ניין! זאג דאס נישט, ווייל די טויערן זענען נאך אפן פאר דיר ברייט, קענסט נאך אופטון גאר אסאך. ס'איז פארהאן א קאריערע וואס איז אפן פאר יעדן און דאס איז דער קאריער פון '**הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי וֶהְיֵה תָמִים**', דאס איז א געוואלדיגע תיקון וואס דו קענסט ערלייכן, ווייל דו בויעסט דיך אויף, און ס'איז נישט פארהאן וויכטיגערס פון דעם. דו וועסט זיך אויסארבעטן! דאס איז וואס ס'געשעט ווען מען גייט שטענדיג מיט'ן אויבערשטן.

לאמיר נעמען א ביישפיל, דו גייסט זיך טרעפן מיט א וויכטיגער קאסטומער. דו ווילסט אים איבערציינגן אז ער זאל מאכן א גרויסע באשטעלונג פון דיין ביזנעס. דו זיצט אין דער ווארט-זאל, פאר זיי לאזן דיר אריין צום באגעגעניש. וואס טוסטו ביזדערווייל? דו זיצט סתם און קלאפסט מיט דיינע פינגערס? ניין, טראכט פון באשעפער. דו ארבעטסט אויף דיר!

אפשר זיצטו ביים ציין דאקטער? דו ווארטסט אויף דיין רייע אריינצוגיין. זיי געווארנט! הייב נישט אויף קיין צייטונג צו פאר'סמ'ען דיין מח מיט שטותים. ווער רעדט נאך פון די אלע מאגאזינען וואס זענען פול מיט אכזריות און תועבות. אוי ווי, ניין! ווען דו זיצט אין ווארט-זאל זאל דיין קאפ זיין פארנומען צו טראכטן פון באשעפער.

## רעצעפט פאר חשיבות

מיין נישט אז דאס איז א גרינגע תפקיד. ס'איז בכלל נישט גרינג דאס אויסצופירן. דאס איז אן ענין וואס דארף ווערן גרינטליך אדורכגעלערנט, אבער ס'איז א קאריערע וואס איז אפן פאר יעדן. א פרוי אין איר קאך, טוט איר טאג-טעגליכע פליכטן, אויב זי האט זיך געלערנט ווי זיך צו קאנצענטרירן אין מחשבות פון אמונה, בטחון, אהבת ה', יראת שמים, האט זי באפעסטיגט די השקפות אין איר וועזן. זי קען דורכדעם צוקומען צו זיין פון די נשים צדקניות פון דור. קיינער ווייסט נישט דערפון? ס'מאכט נישט אויס! דער וואס דארף וויסן, ווייסט...

אפילו אויב דו טראכסט פון באשעפער נאר פאר איין מינוט, זעכציג סעקונדעס אין איין צי, ווערסטו שוין דערהויבן. דו גייסט אין גאס, צווישן מאסן מענטשן, און דו שפירסט זיך מינדערוויכטיג? דו ווילסט שפירן א חשיבות אין דיר? אין די מינוט וואס דו טראכסט פון באשעפער, הייבסטו גלייך אן צו שפראצן, און דו ווערסט עטליכע פיס העכער. א שנעלע רעצעפט פאר חשיבות, איז צו טראכטן פון השי"ת. "**אֶת ה' הֶאֱמַרְתָּ הַיּוֹם**, מאך היינט גרויס השי"ת, **וְה' הֶאֱמִירְךָ הַיּוֹם**, און דער באשעפער מאכט דיר גרויס (דברים כו, יז)."

איר אלע יונגעלייט, וואס ענקער קאפ איז נאכנישט פארהארטעוועט, האבן די מעגליכקייט אריינצונעמען די ווערטער ביי זיך; ווילאנג ענק זענען נאכנישט ניינציג יאר האבן ענק נאך א געלעגנהייט אנצוהייבן דעם קאריערע. ס'איז גאנץ א נייע באגריף, א נייע אפטיילונג פאר

דערגרייכונגען. ס'איז דער קאריערע פון טראכטן פון השי"ת.

א מאן אדער א פרוי וואס טרעניערט זיך, אדער סיי ווער עס געוואוינט זיך איין מיט דעם, האט אויסזיכטן צו מצליח זיין אין לעבן, ווייל דאס איז די אמת'ע גרויסקייט. דאס זענען די מדריגות פון אונזערע אבות, וואס מיר קענען אויך דערגרייכן. ס'איז נישט אייביג די גרויסארטיגע מעשים וואס מאכן דעם מענטש חשוב און טייער; ס'איז די פשוט'ע זאכן פון טאג-טעגליכן לעבן וואס ווערן באגלייט מיט מחשבה, וואס וועט דערהויבן דעם מענטש. דאס איז ווי מען קען זיך אויסארבעטן! דאס איז דער מענטש וואס האט גענוצט זיינע איינגעבוירענע אינסטינקטן מיט דער ציל אויף וואס דער אויבערשטער האט דאס באשאפן.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

### שאלה

### איז מעגליך צו לערנען קינדער צו שעצן די וועלט?

### תשובה:

אויסדריקליך אז יא! יעצט איז די צייט ווען דאס דארף אויסגעלערנט ווערן. מען זאל שטענדיג רעדן צו די קינדער: "קוק די הערליכע זון וואס שיינט אינדרויסן!" זיי מסביר די בענעפיטן וואס מיר באקומען פון דער זון. זומער ווארעמט דיר דער זון. גיי אויף די זוניגע זייט פון גאס, און גלייכצייטיג אויף די זוניגע זייט פון לעבן. די זון גיבט דיר וויטאמינען, ווען זי קומט אין בארירונג מיט די הויט. די זון גיבט דיר ליכטיגקייט. און דאס אלעס איז געענצליך אומזיסטע ענערגיע! דיין לענדלאר וועט דיר נישט שיקן קיין ביללל, דער זון בעל הבית וועט דיר נישט שיקן קיין בילל. 'קאן עד' וועט דיר נישט שיקן קיין בילל פאר די בייטאג ליכטיגקייט. ס'איז הערליך, די זון ליכטיגקייט.

די גמרא זאגט אז די זון איז א משל, כביכול צו השי"ת. פונקט ווי דער זון פילט אן די וועלט מיט פרייליכקייט, ליכטיגקייט, און פארגעניגן, אזוי טוט השי"ת צו דער וועלט. אלזא, זיכער קענסטו אויסלערנען די קינדער צו הנאה האבן פון דער זון.

און מיר דארפן זיך אויך אליין לערנען. די גרעסטע ברכה וואס מיר מאכן ביים דאווענען איז אויף די זון. איז דאס נישט קיין נאכלעסיגקייט פאר פילע פון אונז? מיר מאכן די ברכה און מיר זענען נישט דערביי. "**ברוך אתה ה' יוצר אור...**" און מען ענדיגט צו: "**יוצר המאורות**". די מלאכים זענען אזוי איבערראשט איבער דער זון אז זיי זאגן: "**קדוש קדוש ברעש גדול**; מיר גרויס שמחה לויבן זיי השי"ת" - און מיר, די וואס באקומען דאס אלעס, זענען גאנץ קנאפ אינטערעסירט. מיר זענען פארשלאפן.